בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן
געהאט די זכיה צו הערן פונעם
ראש ישיבה שליט"א בעת סעודה
שלישית פרשת משפטים ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# שבת קודש פרשת משפטים, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן י.

לשון רבינו זכרונו לברכה: מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר - לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאַזַּי בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה׳.

אַךְ דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי מָרָה־שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל־כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ נה, יב): כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ, שֶׁעַל־יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן־חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת.

וְעַל־כֵּן כְּשֶׁמְּקַשֵּׁר שִׂמְחָה אֶל הַמֹּחַ, אֲזַי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ בֶּן־חוֹרִין, וְאֵינוֹ בִּבְחִינַת גָּלוּת, וַאֲזַי יוּכַל לְהַנְהִיג אֶת מֹחוֹ כִּרְצוֹנוֹ וּלְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, מֵאַחַר שֶׁמֹּחוֹ בְּחֵרוּת וְאֵינוֹ בְּגָלוּת. כִּי עַל־יְדֵי גָּלוּת אֵין הַדַּעַת מְיֻשָּׁב, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָּה יב:) עַל בְּנֵי עַמּוֹן וּמוֹאָב, דִּמְיָתְבָא דַּעְתַּיְהוּ מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָלְכוּ בְּגָלוּת, שֶׁנֶּאֱמַר (יִרְמְיָהוּ מח, יא): שַׁאֲנַן מוֹאָב מִנְּעוּרָיו וְכוּ׳, וּבַגּוֹלָה לֹא הָלָךְ, עַל כֵּן עָמַד טַעְמוֹ בּוֹ וְכוּ׳.

וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל־יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל־כָּל־פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק: אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפב), עַיֵּן שָׁם.

וְעַל־כָּל־פָּנִים יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִין: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ וְכוּ׳ וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת וְכוּ׳. מִכָּל זֶה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה רָאוּי לוֹ לִקַּח לוֹ שִׂמְחָה

לְשַׂמֵּחַ דַּעְתּוֹ כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת (שַׁבָּת עז:): בְּדִיחָא דַּעְתֵּהּ, שֶׁהוּא דָּבָר גָּדוֹל, דְּהַיְנוּ שֶׁמְּקַשֵּׁר הַשִּׂמְחָה לְמֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, וַאֲזַי הַמֹּחַ מְשֻׁחְרָר, וְיֵשׁ לוֹ יִשּׁוּב־הַדַּעַת כַּנַּ"ל, וְגַם לְמַעְלָה נַעֲשֶׂה מִזֶּה יִחוּד גָּדוֹל עַל־יְדֵי בְּדִיחָא דַּעְתֵּהּ:

האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן, דער רבי זאגט: "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פארוואס זענען מענטשן אזוי געפאלן ביי זיך און זענען נישט נאנט צום אייבערשטן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת - מען טראכט נישט פון תכלית; "וְהָעִקָּר - לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וַאֲזַי בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'", דער עיקר דארף מען זיך בארעכענען יעדן טאג און זיך פרעגן: 'וואס? וואס איז דער תכלית פון אלע תאוות און אלע נארישקייטן, ווי כבוד וכדומה, וואס וועל איך האבן פון נאכלויפן אלע מיינע גליסטענישן? עס בלייבט דאך גארנישט איבער פונעם מענטש, נאר דאס ביסל עבודת השם יתברך וואס א מענטש כאפט אריין בזה העולם, אז מען טראכט אריין מיט א קלארע קאפ זעט מען אז אלעס איז טאקע נארישקייטן און מען קערט זיך צוריק צום אייבערשטן.

## אין וועלכע חלקה איז מער מכובד צו ליגן

מוהרא"ש האט דערציילט, ער איז אמאל געווען אויפ'ן בית החיים ביים ציון הקדוש פון הרב הקדוש מ'בעלזא זכותו יגן עלינו האט ער באמערקט ווי עס שפאצירן אין בית החיים א טאטע מיט א זון און זיי רעדן אין וועלכע חלקה איז מער מכובד צו ליגן, אויבן אן אדער אונטן אן וכו'... האט מוהרא"ש געזאגט: "קוקט ווי א מענטש וואס לעבט אן ישוב הדעת איז אזוי אריינגעטון אין זיינע תאוות פון כבוד, זיין גאנצע קאפ טראכט נאר וואו ער וועט האבן דאס מערסטע כבוד; דער עלטערער איד האט נישט קיין שום בעסערע דאגה אויף וואס זיך צו זארגן ווי דאס

זיך אומקוקן ביי וועלכע חלקה וואו ער וועט ליגן נאך זיין פטירה וועט ער האבן מער כבוד...

מען זעט ליידער עס זענען דא מענטשן וואס לעבן אן קיין שום ישוב הדעת, זיי טראכטן נישט פון תכלית נאר פון זייטיגע נארישקייטן, צום ביישפיל, ווען עס קומט צו שידוכים וואלט א מענטש מיט ישוב הדעת וואס לעבט מיט תכלית, דער עיקר נאר געזוכט א בחור וואס האט יראת שמים און מדות טובות אבער ביי מענטשן זעט מען אנדערש, זייער גאנצע קאפ לויפט נאר 'וועלכע היט גייט מען אין יענע משפחה? א ביבער היט אדער א שטאפן היט, די ביבער היט איז א הויכע אדער א נידריגע?'... וואו קומט דאס אריין ביי שידוכים? דאס אלעס איז סתם נארישקייטן, דאס אלעס נעמט מען נישט מיט אין קבר, אין קבר נעמט א מענטש נאר מיט תורה, תפלה, שחרית, מנחה און מעריב, אלע מצוות וואס מען טוט! דערפאר טאר א מענטש זיך נישט לאזן נארן, נאר טראכטן פון תכלית, זיך יעדן טאג בארעכענען 'וואס איז דער תכלית פון אלע תאוות און אלע נארישקייטן, וואס וועל איך האבן פון נאכלויפן אלע מיינע גליסטענישן? עס בלייבט וועט דאך גארנישט איבערבלייבן פון מיר, נאר דאס ביסל עבודת השם יתברך וואס איך כאפט אריין בזה העולם.

זאגט אבער דער רבי ווייטער, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו ישוב הדעת און צו א קלארע מח צו וויסן וואס מען האט צו טון אויף דער וועלט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי מָרָה־שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל־כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", ווען מען איז נישט פרייליך, ווען מען איז דערשראקן און אנגעצויגן - קען מען נישט טראכטן גוטע זאכן, מען קען נישט טראכטן גוט, מען טראכט א גאנצן צייט נאר שלעכטע מחשבות. "רַק עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אבער אז מען איז פרייליך דעמאלט איז דער מח ברייט אפן און נישט מצומצם קען מען בייגן די מחשבות צו טראכטן גוט, "כִּי שִׂמְחָה

הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ, שֶׁעַל־יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן־חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מיט שמחה גייט מען ארויס, ווייל א פריילעכער מענטש איז פריי, פריי פון אלע פארמאכטקייטן, אזוי קומט מען צו ישוב הדעת און מען ווערט אן ערליכער איד.

זאגט אבער דער רבי, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו שמחה, מען זאל ווערן פריילעך? "וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל־יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל־כָּל־פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק: אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפב), עַיֵּן שָׁם", דורך דעם וואס מען טרעפט אין זיך אביסל גוטס, א נקודה טובה וואס מען האט גוט געטון, דורך דעם קען מען פריילעך ווערן און ארויסקריכן פון אלע שלעכטע מעשים.

דער רבי זאגט דא דריי זאכן וואס זענען אנגעהאנגען איינס אינעם אנדערן; מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד אויב מען האט נישט קיין ישוב הדעת, זוכה זיין צו ישוב הדעת דארף מען זיין פריילעך, און זוכה זיין צו זיין פריילעך דארף מען טרעפן אין זיך עפעס גוטס וואס מען האט געטון.

זאגט דער רבי ווייטער, "וְעַל־כָּל־פָּנִים יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִין: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ וְכוּ׳ וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת וְכוּ׳. מִכָּל זֶה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה רָאוּי לוֹ לִקַּח לוֹ שִׂמְחָה לְשַׂמֵּחַ דַּעְתּוֹ כַּנַּ"ל", דער עיקר דארף מען זיך פרייען מיט דעם אז 'איך בין א איד, איך בין נישט באשאפן געווארן א גוי', אפילו איך האב נישט מיט וואס צו זיין פריילעך, פריי איך זיך מיט דעם וואס איך בין א איד און נישט קיין גוי.

אַ איד דַארף זיך מחיה זיין און זיך פרייען מיט יעדע קלייניקייט וואס ער טוט, 'ברוך השם איך האב א קאפל', 'איך האב א בארד און פיאות',

׳ברוך השם איך היט שבת׳, ׳איך טו אן תפילין׳, ׳איך דאווען שחרית׳, ׳מנחה׳ און ׳מעריב׳ און אזוי ווייטער, זיך פרייען מיט אלע פשוט׳ע זאכן וואס ער טוט, אז מען איז פריילך מיט אלע נקודות טובות איז מען זוכה צו ישוב הדעת. אויב האסטו חס ושלום פארפאסט צו דאווענען א ׳שחרית׳ - דאווען ׳מנחה׳, האסט פארפאסט א ׳מעריב׳ געב נישט אויף, אינדערפרי קום אריין אין שול דאווען שחרית, האסט נישט נעכטן געלייגט קיין תפילין חס ושלום - לייג היינט תפילין. ׳אבער איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, איך ווייס דאך ווער איך בין וכו׳, וויאזוי מיין דאווענען קוקט אויס וכו׳׳, - דאס אלעס מאכט נישט אויס אויף יעצט, לאז אפ דיינע אלטע זכרונות, טראכט נישט וואס איז געווען נעכטן, הייב יעצט אן פון דאסניי, טו כאטש וואס דו קענסט יעצט טון, כאפ אריין יעדע קלייניקייט וואס דו קענסט טון פאר׳ן אייבערשטן.

## דער אייבערשטער ענטפערט מיר

דאס ׳ישוב הדעת׳ וואס דער רבי געבט אונז טוט אונז באגלייטן דעם גאנצן טאג; ווען מען טראגט אן א ביזנעס, א פרנסה וכדומה פאר א ברסלב׳ער חסיד וועט ער שטענדיג ענטפערן מיט א רואיגקייט: ״געב מיר א טאג, איך וויל עס איבערטראכטן״, וואס דארפסטו דעם טאג, וואס וועסטו קלוגער ווערן ביז מארגן? ״איך וועל גיין צום אייבערשטן, איך וועל זיך אויסשמועסן מיט אים אלע מיינע ספיקות צי איך זאל עס אננעמען אדער נישט״, וואס הייסט, ווי אזוי וועסטו וויסן וואס דער אייבערשטער ענטפערט דיר, דער אייבערשטער רעדט צו דיר? ״יא; איך וועל זען, אויב וועל איך עס אננעמען - האט מיר דער אייבערשטער געענטפערט ׳יא׳, אויב איך וועל עס נישט אננעמען - האט מיר דער אייבערשטער געענטפערט ׳ניין׳; איך געב זיך איבער צום אייבערשטן, איך שמועס עס אויס מיט׳ן אייבערשטן, און ווי אזוי עס קומט מיר אריין אין קאפ דעם באשלוס - קומט עס פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער

האט עס אזוי צוגעפירט.

דורך 'התבודדות' באקומט מען א קלארע שכל צו וויסן וואס איז ריכטיג צו טון; דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "פארוואס גייט מיר אויף דער עלטער אלעס כסדר, ווייל איך האב זיך צוגעוואוינט נישט צו טון קיין שום זאך אן בעטן דעם אייבערשטן בעפאר, ממילא שטערט מיר שוין גארנישט". רבי נתן האט געהאט אסאך תלמידים גרויסע עובדי השם וכו', האט זיין גרויסער תלמיד רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה געזאגט: "זיי זענען טאקע גרעסערע עובדים פון מיר, אבער פאר אן עצה דארפן זיי צוקומען צו מיר", ווייל דורך זיין פילע התבודדות האט ער באקומען זייער א קלארע שכל און דעת וואוסענדיג ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן אין יעדן מצב.

מיר גייען יעצט אריין אין א נייע וואך פרשת תרומה, לאמיר אריינכאפן גוטע נקודות פאר'ן אייבערשטן, לאמיר לערנען יעדן טאג אביסל משניות, לאמיר לערנען יעדן טאג אביסל חומש. וויפיל מען האט שוין גערעדט דערפון דארף מען נאכאמאל רעדן; לאמיר אנהייבן פאלגן דעם רבי'ן, לאמיר מעביר סדרה זיין דעם פרשה פון אנהייב וואך, פון זונטאג, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער. אז מען גייט אויף דעם וועג, דעמאלט קען מען זיין זיכער אז מען וועט ענדיגן יעדע וואך די פרשה.

אז מיר וועלן פאלגן דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות וועלן מיר זוכה זיין צו שיינע זאכן, אמן.